# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר• בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א• פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קמ"ט – פר' חיי שרה תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתרמא) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע

## הרה"ח ר' רפאל בנימין כ"ץ ע"ה

בשנת תשי"ג, האט רביה"ק בעל דברי יואל ז"ל צוזאמען גערופן דעם ציבור אין בית המדרש, און ער האט גערעדט צום עולם איבער די נייע מוסדות וואס ער האט דאן געגרינדעט אין אמעריקע, די ישיבה "תורה ויראה", וואס ער באגערט אז זי זאל זיין א המשכה פון דעם חינוך הישן אין דער אלטער היים, און זי מוטשעט שרעקליך אויף איר עקזיסטענץ. (די תורה און דברות קודש איז געדרוקט אין קונטרס חידושי תורה לדינערס, פ' שמיני).

דער רבי האט דאן געזאגט פארן ציבור, אז יעדער מוז זיך אנשטרענגען און נעמען א חלק אין אויפהאלטן דעם מוסד, ולכל הפחות זאל קיינער נישט געבן ווייניגער ווי "הונדערט דאללער". און ווער עס איז נישט ביכולת צו געבן דעם סכום, זאל ארומגיין אין ביהמ"ד און צוזאמען שטעלן דאס געלט. (מ'רעדט דא פון די 'בראשית יארן', קיין אייגענע עשירים איז נישט געווען. דער ציבור איז געווען ארעם ביז גאר, צובראכענע און צוקלאפטע מענטשן, פליטי חרב, וואס האבן געשוויצט פאר'ן דאלער עבודת הפרך, און הונדערט דאלער איז געווען א ריזיגע סומע בימים ההם).

דער זיידע ז"ל האט געהאט אפגעשפארט א דאלער צו א דאלער ביז ווען ער האט געהאט א גאנצן הונדערטער, וואס מיט דעם האט ער געפלאנט צו מאכן העלט-אינשורענס פאר זיין משפחה. און דא בעט דער רבי אז מ'זאל געבן "הונדערט דאלער" פאר די מוסדות.

מיט די פולסטע אמונת צדיקים, איז ער אריין צום רבי'ן און ער זאגט: איך האב נישט מער ווי איין "הונדערטער", וואס כ'האב אנגעגרייט צו באצאלן מיין העלט אינשורענס פלאן, איך געב דאס איבער פאר'ן רבי'ן לטובת המוסדות, און אין דעם זכות זאל איך נישט דארפן ניצן די העלט אינשורענס... דער רבי האט עס צוגענומען מיט א שמייכל און אים אנגעוואונטשן בזכות החזקת התורה זאל ער נישט דארפן אנקומען צום העלט אינשורענס...

אומגלויבליך, אבער דאך א פאקט, דער זיידע האט אויפגעשטעלט א שטוב מיט קינדער בליעה"ר, צענדליגער יארן האט ער געהאט קינדער אין שטוב, און פון קיין דאקטער וויזיטס קיינמאל נישט געוואוסט, נישט ער און נישט די קינדער. די 'אינשורענס פלאן' האט מען געמאכט ביי די מוסדות הקדושים פון רבי'ן...

ער איז נפטר געווארן פארגאנגענעם יאר תש"ע זייענדיג איבער די ניינציג און כמעט ביז סוף ימיו איז ער געווען געזונט און נישט געוואוסט פון קיין דאקטער. (אפרים יואל פארגעס, נפתלי צבי האלפערט, שלמה מנשה ביטמאן, שלמה מנשה בר"י פאלקאוויטש, יואל משה האלפערט, שלמה מנשה בר"מ פאלקאוויטש, דוד יודא פעלדמאן, משה פעלדמאן, יודא פארגעס, יעקב ביטמאן, יעקב פאלקאוויטש, בן ציון כ"ץ, יצחק ברז"ל פאלקאוויטש, מרדכי פארקאש)

תתתרמב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' מרדכי לאנדא הי"ו

ווען מיין טאטע הרה"ח ר' אשר לעמיל ע"ה איז אנגעקומען קיין ניו יארק האט ער געהאט צוויי גרויסע בחורים הרה"ח ר' אהרן יוסף ע"ה ויבדלחט"א הרה"ג ר' אלימלך יודא שליט"א, דער רבי מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט דעמאלטס געעפענט די ישיבה מיט געציילטע בחורים, און דער זיידע האט זיך גע'ישוב'ט צי ער זאל שיקן די קינדער לערנען אינעם רבי'נס נייע ישיבה, צי אין א צווייטע גרעסערע ישיבה וואס איז שוין געווען אלט א פאר יאר, און איז אויך געווען זייער א חשוב'ע ישיבה מיט א בעסערן נאמען. האט ער זיך מתייעץ געווען מיט זיין פאטער הרב החסיד המפורסם רבי וואלף לאנדא ע"ה וואו ער זאל שיקן זיינע בחורים לערנען.

האט אים דער זיידע געענטפערט "מיר האבן א כלל אז וואו עס איז דא יראת שמים איז אלעס דא, אין די ישיבה און אין די תלמוד תורה וואס דער רבי האט אויפגעשטעלט איז דא יראת שמים, און אז זיי וועלן דארט לערנען וועלן זיי אלעס האבן".

איבריג צו זאגן אז דער זיידע האט געשיקט לערנען די קינדער אינעם רבי'נס הייליגע מוסדות, און ער האט ב"ה זוכה געווען צו זעהן לעכטיגע אידישע דורות בנים ובני בנים ההולכים בתורת ה'. (ליפא לאנדא, שמואל לאנדא, אלי דוד לאנדא, ליפא גוטטמאן, אשר לעמיל גוטטמאן, יצחק גוטטמאן)

תתתרמג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם לייב בראך הי"ו

כידוע האט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות בעניני צניעות, און ער איז נישט געווען צופרידן פון די זאקן וואס די מיידלעך פלעגן דעמאלטס גיין, האט ער געבעטן הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש שליט"א וועלכער איז לאנגע יארן געווען דער מנהל פון בית רחל, אז ער זאל אפירזוכן א איד וואס זאל גרייט זיין צו ערצייגן אזעלכע זאקן וואס אונזערע תלמידות פון בית רחל זאלן קענען גיין דערמיט.

ר' בנימין הערש איז אריבערגעקומען צו מיין טאטן הרה"ח ר' ליפא ע"ה, און ער האט אים איבערגעגעבן דעם רבי'נס בקשה, כאטש וואס ביזנעס מעסיג איז דאס ווייט נישט געווען קיין עסק צו פאבריצירן זאקן בלויז פאר די סאטמארע מיידלעך, אבער ער האט נישט צופיל געטראכט ווען עס האט זיך געהאנדלט צו טון דעם רבי'נס רצון פאר די תלמידות פון זיינע הייליגע מוסדות, און ער האט אהערגעשטעלט פארשידענע סעמפלס פון זאקן וואס ער האט אהערגעשטעלט און דאס אריבער געברענגט צום רבי'ן.

ווען דער טאטע האט אריינגעטראגן די זאקן צום רבי'ן איז ער ערשטוינט געווארן צו זעהן ווי דער רבי נעמט די זאקן און ער ציעהט דאס ארויף אויף זיין הייליגע האנט צו זעהן צי עס איז גענוג דיק און נישט ח"ו דורכזיכטיג, און דאן האט דער רבי באשטימט וועלכע זאקן צו מאכן פאר אונזערע תלמידות.

ער האט דאן א נאמען געגעבן פאר די זאקן 'פאלם' מיט א סימבאל פון א 'טייטלבוים' וויבאלד ער האט דאס געמאכט אויפן רבי'נס פארלאנג, און פון דעם איז זיך צעוואקסן א גרויסע קאמפאני וואס פילע הונדערטער און טויזענטער אידישע טעכטער גייען היינט מיט די צניעות'דיגע זאקן, און ער האט געזעהן דערין א הצלחה שלא כדרך הטבע.

פון דעם זעהט מען אז מ'העלפט ממלא זיין דעם רצון צדיק, בפרט ביי א ענין וואס ער האט געהאלטן פאר א יסוד גדול פאר די תלמידות פון זיינע הייליגע מוסדות האט מען נישט קיין חרטה, נאר מ'איז שטארק מצליח. (ליפא בר"מ בראך, ישי בר"ש בראך, ליפא בר"פ בראך, ישי בר"ש בראך)

תתתרמד) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' יואל שווארטץ הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' נפתלי צבי פאלאטשעק ע"ה האט געהאט א פעקטארי פון וואס ער האט געצויגן פרנסה אויף צום לעבן, אבער נישט צופיל מער.

עס איז געווען בערך שנת תשמ"ז לפ"ק ווען ער איז ל"ע נישט געזונט געווארן מיט די ביטערע מחלה, האט ער געזוכט צו טון א דבר טוב וואס עס זאל בלייבן,

האט ער מחליט געווען צו בויען א בנין פאר די תלמוד תורה אין קרית יואל, אפילו ער איז בכלל נישט געווען א בעל יכולת פאר אזא זאך, אבער ער האט געהאט א געוואלדיגע אמונה און בטחון אז דער אייבערשטער וועט איהם העלפן.

ער האט זיך אפילו אויסגענומען מיט די הנהלת המוסדות אז אויב ער וועט נישט קענען ענדיגן דעם בנין, וועט ער נישט זיין פארפליכטעט דערצו.

פלוצלונג האט מען געזעהן ווי נאר מ׳האט אנגעהויבן צו בויען די תלמוד תורה אויף רימאנוב קט. איז אריינגעקומען א ברכה אין זיין ביזנעס, ער האט אנגעהויבן צו פארדינען געלט ווי קיינמאל בעפאר, ווי אויך האט ער צובאקומען יארן צום לעבן און ער האט זוכה געווען צו אויפשטעלן א הערליכן בנין סיי פאר די תלמוד תורה און סיי פאר די בית רחל, דאס זענען די הערליכע ״ביניני ווידער-פאלאטשעק״ וואס זענען לשם ולתפארת אין די שטאט. דא האט מען געזעהן בחוש ווי דאס טון פאר די הייליגע מוסדות האט אים געברענגט עשירות, געזונט, און אריכות ימים. (יהוסף פריעדמאן, נפתלי צבי פריעדמאן, חיים יקותיאל יאקאבאוויטש, נפתלי צבי פאלאטשעק, יעקב יושע פאלאטשעק)

### תתתרמה) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע
## הרה״ח ר׳ דוד מרדכי מייזעלס ע״ה

ער האט במשך לאנגע יארן עוסק געווען מיט מסירות נפש פאר די מוסדות הק׳ אין קרית יואל, טאג טעגליך איז ער געזעסן אין ביהמ״ד און צוזאמען געגומען שכר לימוד פונעם עולם.

איינמאל איז געווען ווען א איז יונגערמאן שולדיג געווען פיר טויזנט דאללער פאר שכר לימוד, דער זיידע האט אים אפיר גענומען און געפרעגט ״היתכן? ווי אזוי קענט איר זיין גלייכגילטיג ווען מ׳איז שולדיג אזויפיל וואכן געהאלט פאר די מלמדים?״ האט ער געענטפערט: ״וואס מיינט איר, איך קען דען באצאלן אויף איינמאל די פיר טויזנט דאללער?!״. האט אים דער זיידע געזאגט ״אז מ׳האט אן אמת׳דיגן רצון און מ׳וויל עס באמת באצאלן, וועט השי״ת זיכער העלפן אז דו וועסט עס קענען באצאלן!״.

דעם אנדערן אינדערפרי׳ האט ער געברענגט די גאנצע סומע פון פיר טויזנט דאללער און ער גיט דאס פארן זיידן. דערציילנדיג מיט וואונדער אז ער האנדלט מיט דימאנטן, און ער האט א פעקל שטיינער וואס ער קען שוין נישט פארקויפן די לעצטע אנדערהאלבן יאר, און פונקט יעצט האט ער ב״ה געטראפן א קונה פאר א גוטן פרייז. און ער טאקע באלד געקומען אפברענגען דאס געלט צו באצאלן דעם שכר לימוד. (שמעון ארי׳ מייזעלס, יצחק שמואל מייזעלס, משה ארי׳ מייזעלס, יצחק מייזעלס)

### תתתרמו) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה״ח ר׳ נפתלי הירצקא קאהן הי״ו

עס איז געווען עטליכע טעג איידער מיין פאטער הרה״ח ר׳ יעקב ע״ה איז נפטר געווארן, איך בין געווען ביי איהם אין שפיטאל, יענע גאנצע נאכט האט ער געזאגט ווידוי און ער האט ביטערליך געוויינט בדמעות שליש.

עס איז געווען אין די פריע פארטאגס שעות ווען מיין טאטע רופט זיך אן צו מיר ״איך וויל מאכן א ביזנעס מיט דיר״, איך בין געווארן זייער פארוואונדערט, וואס פארא ׳ביזנעס׳ האט דער טאטע יעצט אינזינען, זאגט ער מיר ״איך וויל דיר געבן פינף הונדערט דאללער פאר א דבר נחוץ, און דו וועסט עס איבערגעבן״.

האב איך געפרעגט מיין טאטן פאר וועמען איך זאל עס געבן, און איך האב אנגעהויבן אויסצורעכענען פארשידענע וויכטיגע צוועקן, אויף וואס ער האט אויף אלעמען געענטפערט אז נישט דאס מיינט ער. ווען איך האב אים געבעטן אז ער זאל מיר זאגן פאר וועמען צו געבן דאס געלט, איז ער איינגעשלאפן און נישט געענטפערט.

יענע נאכט בין איך אריבער געגאנגען צו רבי׳ן מרן הברך משה זי״ע און איך האב אריינגעלייגט פינף הונדערט דאללער אין א ענוועלאפ, איך האב דערציילט פארן רבי׳ן די גאנצע מעשה אז מיין טאטע האט דאס געהייסן געבן פאר א דבר נחוץ און איך ווייס נישט פאר וועמען דאס צו געבן, ממילא גיב איך דאס פארן רבי׳ן און דער רבי וועט שוין געבן דאס געלט פאר א וויכטיגן צוועק.

דער רבי הייבט אויף זיין קאפ און ער קוקט מיך אן, און ער זאגט מיר ״גיב עס פאר די תלמוד תורה, תלמוד תורה כנגד כולם״.

עס איז מיר געווען א חידוש, ווייל איך בין זיכער געווען אז דער רבי וועט דאס געבן פאר א איד א נצרך וכדומה, אדער אנדערע טראגישע צוועקן, עס האט מיר נישט עולה געווען על הדעת אז ׳דבר נחוץ׳ זאל מיינען די מוסדות. און איך האב געזאגט פארן רבי׳ן ׳דער רבי וועט דאס שוין געבן׳, אבער דער רבי האט מיר דאס צוריק געגעבן און געהייסן דאס געבן פאר די תלמוד תורה.

גלייך פון דארט בין איך אריבער אין ביהמ״ד הגדול אויף ראדני סט. דאווענען מנחה מעריב, צווישן מנחה מעריב האב איך אויסגעהערט דעם שיעור שו״ע פון הרה״ג ר׳ זלמן לייב פילאפף שליט״א וועלכער האט געהאלטן ביי הל׳ בית הכנסת, האט ער נאכגעזאגט די הלכה פון מעלין בקודש ולא מורידין, ממילא ווען מ׳פארקויפט א בית המדרש מעג מען נאר געבן דאס געלט פאר תלמוד תורה און פדיון שבוים, פאר ת״ת מעג מען ווייל תלמוד תורה כנגד כולם, און פאר פדיון שבויים ווייל דאס וועט ברענגען צו תלמוד תורה וואס איז כנגד כולם.

דא האב איך געזען א געוואלדיגע השגחה פרטיות אז באלד נאכדעם וואס איך האב געהערט די ווערטער פונעם רבי׳ן, האב איך געהערט אז דאס איז א הלכה פסוקה אין שו״ע, וואו עס ווערט גע׳פסק׳עט אז די העכסטע און וויכטיגסטע צדקה איז געבן געלט פאר תלמוד תורה.

די מעשה האט געמאכט אויף מיר א שטארקן רושם, ווען נאך עטליכע טעג איז מיין טאטע ע״ה נפטר געווארן האב איך זיך איינגעפירט במשך דעם יאר צו געבן יעדן טאג צדקה לעילו נשמתו דוקא פאר די תלמוד תורה. (יעקב קאהן, יעקב פאלקאוויטש)

### תתתרמז) עס דערציילט אונזער טאטע
## הרה״ח ר׳ דוד חיים מאשקאוויטש הי״ו

איך בין געווען ביים דינער פון די מוסדות קרית יואל וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין וויליאמסבורג בשנת תשנ״ה לפ״ק.

פארן דינער האט דער רבי מרן הברך משה זי״ע ארויסגעגעבן א בריוו לטובת די מוסדות קרית יואל ווי ער בעט דעם גאנצן ציבור אז מ׳זאל זיך אנשטרענגען און געבן לכה״פ הונדערט דאללער לטובת די מוסדות.

בשעת׳ן דינער האט דער רבי געזאגט דברות קודש, בתוה״ד האט ער געזאגט מיט ווייטאג אז ער האט געזעהן אז מ׳האט מפרסם געווען א בריוו ווי ער שרייבט אז מ׳זאל געבן הונדערט דאללער לטובת די מוסדות קרית יואל, און ער קען דאס פשוט נישט גלייבן אז ער האט געקענט חתמ׳ענען אזא בריוו אז מ׳זאל געבן אזוי ווייניג געלט פאר די הייליגע מוסדות, און ער האט דערביי אויסגעשמועסט באריכות די געוואלדיגע חשיבות פון די מוסדות, און ווי מ׳דארף זיך אנשטרענגען צו געבן סך מער ווי דעם סכום, און דאן האט ער געזאגט אז אויב איז ער דורכגעפאלן מיטן אונטערשרייבן אזא בריוו קנס׳עט ער זיך מיט תשלומי חמשה און ער אליין וועט צוגעבן 500 דאללער פאר די קרית יואל... (ליפא מאשקאוויטש, שמעי׳ מאשקאוויטש)

### תתתרמח) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה״ח ר׳ נח גפן שליט״א שו״ב

איינער פון די תלמידים פון אונזער זיידע הרה״ג ר׳ שמשון אליעזר גפן ז״ל וואס האט געהאט א ישיבה פאר בר מצוה בחורים אין קליינווארדיין, האט דערציילט ווי אזוי עס איז געווען די סדר פון אויפנעמען בחורים אין די ישיבה איז געווען.

ווי באקאנט האט דער זיידע רבי שמשון געהאט א ישיבה וואס האט גע׳שם׳ט לשם ולתפארת, מען האט געוויסט פון די נאנט און פון די ווייט, אז אויב מען וויל אז א בחור זאל שטייגן אין תורה און אין יראת שמים, שיקט מען אים קיין קליינווארדיין צו רבי שמשון׳ס ישיבה, ווי עס איז טאקע ארויסגעקומען פון זיין ישיבה תלמידים הגונים ורבנים.

די סדר פון אויפנעמען די תלמידים איז געווען אז ער האט אריינגענומען העלפט בחורים פון בעל בתי׳שע שטובער, און העלפט בחורים זענען געווען פון ארימע שטובער, און ער האט אנגענומען א בחור פון א רייכע שטוב, נאר אויב ער האט באצאלט טאפעלט שכר לימוד, סיי פאר זיך און סיי פאר אן ארימען בחור, אזוי אז די בחורים האבן געוואוסט ווען זיי האבן געלערנט אין די ישיבה אז מען לעבט אויף דער וועלט פאר א צווייטן און מען איז געקומען אין ישיבה נאר אויב מען האט אויך אינזין א צווייטן, דאס האט געמאכט א געוואלדיגע רושם אויף די תלמידים.

עס איז כדאי צו באמערקן אז אויף דעם מהלך האט כ״ק מרן רבינו הברך משה זי״ע איינגעפירט דעם ״בן גמלא״ אינערהאלב די מוסדות הק׳, ווען אידן בעלי יכולת זענען זיך משתתף מיטן באצאלן שכר לימוד פאר ארימע קינדער וואס קענען זיך נישט אליינס באצאלן. (מרדכי יצחק גפן, משה הכהן שעהנברון, יואל יושע גפן, אברהם הערש גפן, משה גפן, דוב אלטר ברוך גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא.)